# ראדאמער-קעלצער לעבען


הייַנט 8 זייטן.

**Radom, dnia 16 Stycznia 1931 r.**

ראדאם, פרייטאג כ"ט טבת תרצ"א

Redakcja i Administracja
**Radom, Szwarlikowska 20.**

*Oddział w Kielcach.*

**אנאנסען - פרייזן:**

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
" אין טעקסט 4


קלמן קופערמאן (זוואלין) יהודית'על שיפער (לובלין)

## פ ע ר ל א ב ט

לובלין, 5-טער פעברואר 1931.

מיר גראטולירען הערצליך אונזער ליבען ברודער, שוואגער און פעטער
**ק ל מ ן** צו זיין פארלאבונג מיט פרל. **יהודית'על שיפער**
מיר ווינשען, אז גליק און צופרידענהייט זאל תמיד זיי בעגלייטען
**לייביש קופערמאן** עם פרוי
ראדאם. און קינדער.

א הערצליכען מז"ט ווינש איך מיין ליבען ברודער
**ק ל מ ן** צו זיין פארלאבונג מיט פרל' **יהודית'על שיפער**
זייער נייער לעבענס-וועג זאל מיט בלומען בעציערט זיין.
זוואלין. **דבורה'לע קופערמאן.**

צו די תנאים פון אונזער קוזין
**מ ר ד כ י ה ל ל פ י ש מ א ן** מיט פרל' **ד ב ו ר ה ר א פ א פ א ר ט**, קעלץ
ווינשען מיר זיי גליק און צופרידענהייט און די עלטערען גרויס נחת
**מ ר ד כ י ל י י ב פ י ש מ א ן**
ראדאם. און פאמיליע

P. Hilerowi Fiszmanowi z intencji zaręczyn Jego
z p. Dorą Rapoportówną
składa serdeczne życzenia
Kielce *Salomon Eisenberg*


דערפיט מאכען מיר בעקאנט, אז מיר האבען דעם

## קאמיסיאנס-לאגער

## פון אונזערע אויסארבייטונגען

אויף לאדז און לאדזער ראיאן איבערגעגעבען דעם ה'

## יוליוש לעווענשטיין

דאס קאמיסיאנס-לאגער געפונט זיך אין **ל א ד ז**

## אנדזשעיא 12,

## טעל. 217-23, און 192-33

מיר בעטען מיט זעמטליכע בעשטעלונגען זיך צו ווענדען צום
דערמאנטען קאמיסיאנס-לאגער.

**אקציע געזעלשאפט**
**פון דער ביימוואל מאנופאקטור**

## י. ק. פאזנאנסקי, לאדז


צו דער חתונה פון אונזער ליבען פריינד
**אפרים פשעדבאזשעק** מיט ה' **דארע רובין**
ווינשען מיר, אז גליק און צופרידענהייט
זאלען זיין זייערע אייביגע בעגלייטער.
**גאלדבערג, גרינשפאן,**
**קירשענבלאט, ראקאטש.**

א הערצליכען מזל-טוב דער פאמיליע **ק א ץ**
צו דער פארלאבונג פון זייער ליבע און איינציגע **ט א כ ט ע ר**
**ר ו ז ש ק ע** מיט ה' **א י ז א ק א י י ז ע ר נ ע ר** אויס לובלין
מיר ווינשען די עלטערן פיל נחת און דעם פארלאבטען פארל
א גליקליכע צוקונפט.
**שמואל גאלדשטיין עם פאמיליע.**

אונזער הארציגסטען גליקווינש אונזער פריינד **א ב א ק א ץ**
צו דער פארלאבונג פון זיין ליבע טאכטער
**רוזשקע קאץ** מיט ה' **איזאק אייזערנער** אויס לובלין
דער נייער לעבענס-וועג פון יונגען פארל
זאל פערשאפען די עלטערן פיעל גליק.
**יוסף ראזענבוים עם פרוי**

מזל טוב לבבי למר

## יהושע שטינמן

יו"ר השלטון הבנק הציוני. כרדום לרגלי ארוסי בתו

## לאה את מר משה שטינמן

**Rada i Zarząd**

## Kasy Spółdzielni Kredyt.

**w Radomiu, Żeromskiego 23.**

Prezesowi zarządu naszemu p. SZYJI SZTEJNMANOWI
z intencji zaręczyn c ó r k i Jego
Loli z p. Mojżeszem Sztajnmanem
serdeczne życzenia składa
**PERSONEL**
Kasy Spółdzielczo-Kredytowej
w Radomiu, Żerom. 23.

# געזעלשאפטליכע גריפע.

ס'הערשט איצט אין שטאדט א גריפע-עפידעמיע, הונדערטער מענשען ליגען איצט אין די הייזער מיט געהעכערטער טעמפעראטור. דאס איז קענטיג אין די שולען, אמטען, געזעלשאפטליסע מוסדות און אז. וו.

נאטירליך איז דאס א פיזישע קרענק. וואס וועט, דארף מען האפען, גיך פארגעהן און דער עולם וועט צוריק געזונט ווערען.

ס'איז אבער דא אנ'אנדערע גריפע-קרענק, פון וועלכער מיר ליידען כראניש די לעצטע יאהרען און ס'זעהט זיך גאר קיין סוף צו איהר, ווי אט די קרענק וואלט נישט ארונטערגעסאלען די מעדיצינישע געזעצען און היילמיטלען און ווי זי וואלט גארנישט געווען פאריבערגעהענדיג.

מיר מיינען דא די גריפע, וואס האט זיך זינט יאהרען אריינגעכאפט אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען און זיל עס נישט אבלאזען.

אט די דאזיגע „גריפע" שפאצירט זיך ארום גאנץ לייכטזיניג איבער א"ע אונזערע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, אנשטאלטען און מוסדות און מאכט הייב זייער יש און קיום, זייער אנזעהן.

צי די דאזיגע „גריפע"-ערשיינונג אויף אונזער געזעלשאפטליכען געביט דריקט זיך אויס אין מאנגעל אין געלד-מיטלען, צי אין מאנגעל אין פאפולאריטעט, אדער גלאט אין איהר אפגעשפאנענקייט, אין איהרע נערעלטערטע מעטאדען, צי אין דער גייסטיגער מידקייט און פערמאטערטקייט וכדומה — א פאקט: אונזער געזעלשאפטליכקייט הינקט, איז קראנק, הוסט אונטער, ניסט, כראקעט, ווי זי וואלט געליגען אין בעט מיט געהעכערטער טעמפעראטור.

און אויב ס'איז נויטיג אנצונעמען פארזיכטס-מיטלען, פערהיטונג-מיטלען און הייל-מיטלען, דארפען זיי קודם כל געריכטעט ווערען אויפ'ן אדרעס פון אונזער געזעלשאפטליכקייט, אויפ'ן אדרעס פון אונזער כל-טהוערי.

דארט מוזען געהיילט ווערען די פערהעלטענישען, די בעדינגונגען, די מעטאדען פון ארבייט און טעטיגקייט, א רוח חיים מוז אריינגעבלאזען ווערען אין אונזער אפגעשוואכטען געזעלשאפטליכען גוף, וועלכער האלט די לעצטע יאהרען אין איין דארען און קווארען.

אין אלע הינזיכטען מוז אונטערנומען ווערען א ראדיקאל-אפעראציע-אקציע. ס'מוזען בעזייטיגט ווערען אלע נישט נארמאלע דערשיינונגען, מ'מוזען בעקעמפט ווערען אלע דעפעקטען. ס'מוז געגעבען ווערען די מעגליכקייט אונזער געזעלשאפטליכען חולה ארויפצוגעהן פון קראנקען בעט.

ס'האנדעלט זיך וועגען קהלה'שע מוסדות, וועגען פינאנציעלע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וועגען סאציאלע, אדער קולטורעלער געזעלשאפטליכקייט, די געזעלשאפטליכע „גריפע" מוז ערנסט בעקעמפט ווערען, נישט וועהניגער ווי די פיזישע און וואס פריהער מיר וועלען ארויסווייזען דער געזעלשאפטליכער קרענק אונזער ווידערשטאנד'ס-פעהיגקייט, אלץ געזונטער איז פאר אונז.

מ.

LABORATORJUM
Chemiczno - Bakterjologiczne
Magistra Farmacji S. KAJLERA
PRZYJMUJE
analizy moczu, krwi, treści żołądka, plwociny i t. d.
RADOM,
Żeromskiego 34.
(dawniej Lubelska)

— די — שענסטע טאפעטען צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

# טאג-בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

פיניעלע, דער געוועזענער וואלד-מעקלער, וועלכער האט זיך אין יענע גיטע יאהרען, פאר דער מלחמה נאך געדרעהט ארום מיינע געשעפטען און גאנץ נישט-קשה'דיג פערדיענט ביי מיר, דער זעלבער פיניעלע, וואס איז אפט משולגל געווארען אין די פינסטערע קעלערען פון דער מאסקווער „טשעקא" און נאכהער אין טוידטען-קאמער, ווי כ'האט מיך אריינגעטראכטען צווישען די טויטס-פערטראפט'ע — אט דער זעלבער בזק נטער מיינער, נאכדעם ווי מיר האבען זיך בעקענט. האט גענומען איינביסען זיין הארץ פאר מיר און מיר ענטדעקט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען ענטפלעקט א סוד, אויף וואס איך וואלט מיך קיינמאל נישט געריכט אז ער זאל זיין פעהיג צו פערראטען און אנצאהלען מיר פאר גוטס מיט שטיינער.

דאס מחורה זיין איז מיר אנגעקומען שווער, זעהר שווער. אבער איך האב איהם צוגעדרוקט צו דער וואנד און איהם פשוט געצווינגען ער זאל עפענען דאס הארץ און מיר אלץ דערצעהלען. ער איז געפאלען איבער די הענד, זיך געבעטען רחמים, איך זאל איהם צורה'ה לאזען. די ווערטער האבען איהם פשוט געשטיקט אין האלז און נישט געקענט ארויס ווייטער א בער די ברעגען פון מויל. ער איז אבער געצוואונגען געווען דורך מיר צו רעדען, ווייל איך האב געשוואוירען, אז איך וועל איהם קיינמאהל נישט מוחל זיין און, אז איך וועל איהם האסען אין פערשאלטען נאכ'ן טוידט. די דאזיגע דראהונג האט געהאט אויף איהם א שטארקע ווירקונג און ער האט גענומען ענדליך רעדען מיט א געבראכענער שטים:

—ס'איז פערפאלען. איהר צווינגט פון מיר ארויס, ה' ש. א טרויריגען סוד, וואס פייניגט מיין געוויסען שוין יאהרען-לאנג. וואס אנ'אמת, האב איך געמיינט. אז איך וועל שטארבען מיט אט דעם שרעקליכען סוד און איהם מיטנעמען מיט זיך אין קבר. ווי ס'ווייזט אבער אויס, האט יענע געהיימע קראפט, וואס פיהרט-אן מיט דער וועלט און מיט די זינדיגע מענשען אנדערש געוואלט, דער גורל האט אונז ביידע צונויפגעפיהרט אויף אזא איסה-דיגען ארט, אויפ'ן שיידוועג פון צוויי וועלטען, אויף דער שוועל, וואו ס'הויבט זיך אן די אייביגקייט און וואו עס שטארבען אן צוגלייך מיט'ן מענש אלע חיה'ש-מענשליכע פערלאנגען, אמביציעס און ליידענשאפטען, אויף אזא ארט, וואו מען דארף לייטערען דאס געוויסען און ריינוואשען דעם גאנצען בארג שמוץ און אומריינקייט. וואס מ'האט א גאנצען לעבען געטראגען אויף זיך. יא, ה' ש. אזוי, אזוי איז עס. די נשמה, וועלכע מ'האט א גאנצען לעבען פערקויפט פאר גראשענס, מאטערט מיך און מאהנט ביי מיר א תיקון. —

— אבער נאך וואס די גאנצע הקדמה, צו וואס פרעדיגסט מיר אזוי פיעל מוסר, פיניעלע. רעד ליבערשט קלארע דבורים. צו וואס האסטו מיך דאן ארויסגענומען קיין ווארשא? ווער האט דיך אונטערגעשטעלט און וועמענס בעפעהל האסטו אויסגעפיהרט? פאר וואס רעדסטו נישט דייטליכער. דו רעדסט און רעדסט און דעם עיקר בערשוויינסטו. נו, רעד א מארט. דער זייגער יאגט און נאך א שעה. נאך א שעה און מיר וועלען ביידע געהן צו דער עקזעקוציע. א כוף, גיכער, לאמיך שוין הערען דעם טרויריגען סוד, וואס דו טראגסט אזויפיל יאהרען

# פון דער ציוניסטישער אָרג. אין ראדאָם

## קאָמוניקאַט

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט, אז שבת דעם 1|17 ד. י. 6 אז. אָוו. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל לובלינער 25 די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער ציון. אָרג. אין ראדאָם מיט׳ן אַנטייל פון מאַרשטעהער פון צענטראַל-קאָמיטעט. אינאָבהענגיג פון די ארויס-געשיקטע איינלאַדונגען וועלען איינטויט-רעכט אויף די פערזאַמלונג האָבען נור די מיטגלידער, וועלכע זענען שולדיג דעם מיטגליעדס-אָבצאָהל נישט לענגער ווי 3 חדשים.

# ענדגילטיג ליקווידירט דער סכסוך צווישען הרב קעסטענבערג מיט דעפּ. יצחק גרינבוים.

ווי מיר האָבען שוין געשריבען אין פאָריגען נומער פון אונזער צייטונג, האָפען זיך מענשען פון ביידע צדדים אריינגעמישט אויסצוגלייכען דעם סכסוך צווישען הרב קעסטענבערג מיט דעפּ. יצחק גרינבוים און ממילא אזוי-ארום אַנולירען דעם פּראָצעס, וואָס הרב קעסטענבערג האָט איינגעפיהרט געגען דעפּ. גרינבוים פאַר דעם פאָרוואורף, וואָס דער לעצטער האָט בענוצט אין א סיים-רעדע געגען הרב קעסטערבערג.

אונזער געבראַכטע ידיעה האָט זיך פולשטענדיג בעשטעטיגט. אין נומער פון זונטיגדיגען „היינט" לייענען מיר פאָלגענדעס:

צו די רעדאַקציע „היינט" אין וואר-שא.

איך האָב דעם כבוד אייך צו בעטען אָבצודרוקען אין נאָהענסטען נומער פון אייער חשוב׳ער צייטונג פאָלגענדע ערקלערונג:

איך שטעל דערמיט פעסט, אז דער אויסדרוק, וואָס איך האָב אין מיי׳ן סיים-רעדע פון 30 אַפּריל 1925 י. בע-נוצט אין בעצוג צום רב קעסטענבערג, אז ער איז א קאָנפידענט, ווארשיינליך, איז געווען א רעזולטאַט פון שלעכטע אינפאָרמאַציעס.

איפּויגענס איז דאָס שוין געקומען צום אויסדרוק אין דעם וואָרט „וואר-שיינליך", האָט איך זיך בעניצט. דעם פאָרוואורף ציה איך צוריק.

מיט דרך ארץ

(—) יצחק גרינבוים.

אין די גמינע-קרייזען שמועסט מען, אז ביי ה׳ גרינבוים איז געווען א ראַ-דאָמער דעלעגאַציע מיט ה׳ יחיאל פרענקעל בראש, וועלכע האָט געבעטען, אז ה׳ גרינבוים זאָל זיין בריעף אין „היינט" נישט פערעפענטליכען. חייל דערמיט פערקויפט ער די שפאָדס און אז דאָס וועט פערזורזאכען, אז דער ענין פון ראדאָמער רבנות זאָל ווערען פערשפּיעלט, ווי אויך, אז הרב קעס-טענבערג זאָל אָנהאַלטען ביי די נעכ-טע קהלה-וואַהלען א גרויסען זיעג. דעפּ. גרינבוים האָט ערקלערט, אז ער וועט זיין בעשלוס נישט ענדערען און דעם בריעף וועגען אָברופען די בעליי-ליידיגונג געגען הרב קעסטענבערג וועט ער די טעג יאָ פערעפענטליכען.

אויגען און גענומען חייטער דער-צעהלען:

— איהר פרענט, וואָס איך טהו דאָ. סאָקע דערפאַר, וואָס איך האָב געגען אייך געזינדיגט האָט מיך גאָט גע-שטראָפט און איך בין אריינגעפאַלען אין תפיסה פון די באָלשעוויקעס. איהר ווילט וויסען ווי אזוי. הערט ווייטער און איהר וועט שטוינען. ווי איך האָב אייך דערצעהלט, האָט דער פולקאָוו-ניק מיט צוגעזאָגט צו געבען האָנאָ-ראר פאַר אָבנארען אייך 1000 רובעל אָבער ער האָט מיר דערנאָך גאָרנישט געוואָלט געבען. איך בין געלאָפען צו איהם טאָג-טעגליך, אָבער ער האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט און נאָך גע-דראָהט מיך מיט ארעסטירען. איך אָבער בין נישט אָבגעטראָטען און ס׳האָט אזוי לאַנג געדויערט ביז ער איז אוועק פון ראדאָם קיין פּאָלטאַווע. איך בין נאָכגעפאָהרען און טאַקע דאָ אין פּאָלטאַווע האָט זיך אָנגעהויבען דאָס רעכטע מיט׳ן געדעכטען.

(פאָרטזעצונג קומט).

# נאָך 500 מערך קויהלען טיילט „עזרה".

היינט די 500 קערץ קויהלען, וואָס „עזרה" האָט שוין פונאַנדערגעטיילט האָט זי היינטיגע וואָך ארויסגעגעבען נאָך 500 קערץ, צווישען וועלכע די גמינע האָט זיך בעטייליגט מיט 300 קערץ.

דערמיט האָט די „עזרה" די קויה-לען-אקציע נאָך נישט פערענדיגט, ווייל ס׳זענען נאָך דאָ נויטבעדערפ-טיגע.

מיט דער דאָזיגער אקציע האָט „עזרה" זיך געגעב פערשוואונדען זיין חובות און זי ערוואַרט, אז די שטאָדט וועט איהר אקעגענקומען און זי וועט ווייטער, וואָס פיהלט זיך ווי בכח, אפילו די וואָס האָבען נאָך נישט גע-שפּענדעט פאַר דער אקציע, וועלען זיך אליין מעלדען מיט ענטשפּרעכענ-דע נחיגות.

# פון די פּאַך-קורסען.

## קאָמוניקאַט.

די יודישע ערגעצונג׳ס פאַך-שולע פאַר בעלי מלאכות ביי דער יודישער קהלה ענטוויקעלט זיך זעהר גוט. אין יעצטיגען שול-יאָהר איז צוגעקומען נאָך א קלאַס. אזוי ארום בעשטעהט די שולע פון 6 קלאַסען מיט 160 שי-לער מיט א לעהרער-פערסאָנאַל פון 9 מאַן, חוץ דעם לייטער פון דער שולע אינזש. ש. אייזענבערג.

ס׳איז א ערפרעהענדע ערשיינונג, וואָס די ראדאָמער יודישע געזעל-שאַפט פערשטעהט די נויטווענדיגקייט פון דער דאָזיגער יודישער פּלאַצובקע.

ביי דער שולע עקזיסטירט א פּאַטראָ-נאַט פון 12 פערזאָהן, בעלי-מלאכות און א קוראַטאָריום פון 5 פערזאָהן, אויסגעוועהלט פון דער קהלה, נעמ-ליך: ה׳ אינזש. לעאָן בעקערמאַן (פאָר-זיצענדער), הרב קעסטענבערג (וויצע-פאָרזיצענדער), ה׳ האָכמאַן, ה׳ קאָרמאַן און ה׳ שטיינמאַן, וועלכע זאָרגען פאַר דער מאַטעריעלער זייט פון דער שולע.

היות עס מעלדען זיך פיעל שילער, וועלכע ווילען לערנען אין דער שולע האָט די דירעקציע בעשלאָסען אָנצו-נעמען אויף די עטליכע וואַקאַנסען אין מאַנכע קלאַסען ביימים פון 15-טען ביז׳ן 25 סטיצען, ז״ה איים׳ן נייעם האַלבען יאָהר.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען פון 7—9 אָוונד אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע נאָוואַ 3.

# פון פערבאַנד „מסדה" איז ראדאָם.

אויף דער לעצטער אַלגעמיינע פער-זאַמלונג פון די „מסדה" — מיטגלידער איז אָנגענומען געוואָרען א בעשלוס איינצושרייבען דעם עהרען-פּרעזידענט פון „מסדה" זאב זשאַבאָטינסקי אין „לוחות הברזל" פון „קרן תל-חי". אין אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וועט דורך „מסדה" אין די נעכסטע טעג דורכגע-פיהרט ווערען א אקציע פאַר׳ן „קרן תל-חי".

— ·.· —

שבת דעם 1|17 ד. י. וועט אין „מסדה" – לאָקאַל (רינעק 17) פאָר-קומען א לעבעדיגע צייטונג. איינגאַנג פריי פאַר אַלע! אָנהויב 8 אָוונד פּינקטליך!

# „באַנק פּאָלסקי" טוישט די „דאָלאַרווקעס"

(מ. וו.) פון 1-טען יאַנואַר הויבט אָן די „באַנק פּאָלסקי" איבערצובייטען די אַלטע „דאָלאַרווקעס". פאַר 2 „דאָלאַרווקעס" גיט די „באַנק פּאָלסק" 3. יאָכ׳ן צוצאָהלען 5 דאָלאַר.



פעראורזאכט פיעל קאנפליקטען צווישען קרעמער און די קונים און מ׳מוז אין דעם פאל געבען גערעכט די קונים, ווען זיי פראטעסטירען אויף דעם פריה־ צייטיגען „פאספעק“ אויף זאפאלקעס.

Panu Drowi KELLERWURMOWI
z powodu zgonu
b. p. MATKI Jego
szczere współczucia wyraża
Stowarzyszenie „EZRA“
w Radomiu.

Udziałowa Spółdzielnia Kredytowa
z ogr. odpow.
w RADOMIU, ul. Żeromskiego 11
ערלעדיגט אלערארט באנק־אפעראציעס, נעמט אן „ווקלאדען“
אנהויבענדיג פון דער קלענסטער סומע און נעמט אן
אינקאסעס אויף גאנץ פוילען צו מינימאלע פרייזען.
צוליב בעקומען אין באנק־פאלסקי
אזשירא־רעכנונג (rachunek żyrowy)
ווערען אנגענומען וועקסלען צו אינקאסירען דורך באנק־פאלסקי
צו נארמאלע פרייזען וואס אין באנק פאלסקי



דער בעריהמטער
באלעט־מייסטער
מאקאטאוויטש
וועלכער האט זײַן בעריהמטע טאנץ־שולע, רינעק 8.

# מאגיסטראט האט בדעה איבערצו־ געבען אין ארענדע די שטאדטישע אויטאבוסען און די שטאדטישע לאושניע

לעצטענס הערט מען שטארק רעדען, אז די שטאדטישע אויטאבוסען זאלען ווערען ארענדירט און איבערגעגעבן אין פריוואטע הענד.

ווי עס ווייזט אויס, איז די דאזיגע פראגע אקטועל אין דער מאגיסטראט. האט אויף עטליכע בדעה די שטאדטישע קאמוניקאציע צו פערוואנדלען אין א פריוואטע אונטערנעמונג.

אויף דער זיצונג אין מאגיסטראט, וואס איז די לעצט פארגעקומען פון דער שטאדטישע אנטערנעהמונג, זיינען שיין בעטראכט געווארען א ריינע אפערטען, וואס זיינען איינגעלאפען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן איבערגעבען די שטאדטישע אויטאבוסען, ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז קיין סך געלט צו א פערגעמען די שטאדטישע קאמוניקאציע איז נישט געווען, מחמת איינגאנצען זיינען איינגעלאפען בס״ה דריי אפערטען, פון וועלכע צוויי זיינען בכלל נישט גענומען געווארען אין בעטראכט צוליב די נישט גינסטיגע בעדינגונגען וואס די אפערטענטען האבען פארגעשטעלט. די דריטע אפערטע, וועלכע שטאמט פון הונטער א אדאם איז יא איינפאכער בעטראכט געווארען, אבער נישט דעפיניטיוו ערלעדיגט געווארען, ווייל אויך די לעצטע האט נישט ענט־ האלטען קיין קלארע און אויספירליך פרעציזירטע בעדינגונגען.

אויך דער זיצונג איז אויך בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען ארענדירען די שטאדטישע „לאושניע“, וועלכע געהער אויך צו די יעניגע אונטערנעמונגען, וואס געבען דער שטאדט הייל די פרי־ ווע קאלקולאציע דעקען נישט די אויס גאבען טראגען דער בעדייטענדער פרעקי־ ווע ק.

## די שפעקולאציע מיט זאפאלקעס.

(כ. ש.) דער הלוואה־אפמאך צווישען דער רעגירונג מיט דער שוועדישער זאפאלקעס מאנאפאל - געזעלשאפט איז זעהר שטאל דיסקאטירט געווארען אין גאס, ווי״ט׳ן דאזיגען אפמאך וועלען זאפאלקעס גלייך באלד ווערען אין פרייז אן אנשטאט 7 גראשען וועלען זיי קאסטען אין צוקונפט 10 גראשען א שכטעל. דאס דארף געשעהן ערשט אין עטליכע חדשים ארום, אנהויב אפריל.

ס׳האט זיך שוין אבער אנגעהויבען א געהעריגער „פאספעק“ אויף זאפאל־ קעס. און די געוועלבער זיינען צפוס

ווי מ׳מאמאהל פערשטאנדען געווארען די ז. באטיין זאפאלקעס, ווער עס האט נאר יעדע מזומן האט געקויפט קאס־ טענעס זאפאלקעס און צווישען די דא־ זיגע אלטע און נייע זאפאלקעס קי פער האט זיך געשאפען א שטימונג, וועלכע דערמאנט אין יענע גוטע צייטען, ווען פון איין קאסטען זאפאלקעס האט מען געקענט ווערען א „מליאנער“. דער רעזולטאט איז, אז שוין היינט נעמט מען פאר א פעקעל זאפאלקעס, דעם קינסטליגען פוילען פרייז און דער דע־ טייל איז שוין געצוואונגען צו נעמען 10 גראשען פאר א שכטעל, וואס עס

## אבקלאנגען פון דער צענטראלעו־פערזאמלונג אין ראד. געריכט.

היינטיגע וואך איז אין היגען פרי־ דענס־געריכט בעטראכט געווארען די געשעהעניששען ארום דער צענטראלעו־ פערזאמלונג, וועלכע זיינען פארגעקומען דעם 14 טען מערץ פ. י. אין קי־ נא „שורים“.

א״ף דער בעשולדיגונגס־באנק זיינען געזעסען 11 מאן.

דער ערשטער עדות ווערט אויסגע־ הערט דער קאמיסאר ראטשענקא, וועלכער ערקלערט, אז לויט׳ן בעפעהל פון זיכערהייטס־רעפערענט סאוויצקי, איז די אויפלעזונג פון דער פערזאמ־ לונג פארגעקומען ווען אינוועניג אויפ׳ן זאהל איז אויפגעבראכען א געשלעג צווישען די פערזאמעלטע און אויך נאכדעם, ווען ס׳האבען זיך געהערט פיינדליכע אויסרופען געגען דער מאכט און געגען מארשאל פילסודסקי, ווי אויך געגען דער פאליציי, דערציילט זאגט ווייטער דער עדות, האט ער גערופען צו־הילף די רעזערווע - פאליציי אויף אבצורייניגען דעם בנין, צוליב דעם, וואס אין זאהל האט פרן נאך אריינ־ געלאזט זיכערע פערזאנען אין זינען, וועלכע האבען זיך געוואלט אריינבא־ קומען אין זאהל האבען די ארגאניזא־ טארען נישט געוואלט אריינלאזען — איז דעריבער דער הבנין אבצופאסען די קאנטראליערן, ס׳האבען זיך אנגעהויבען עקסצעסען.

בשעת מיר שרייבען דעם בעריכט איז דער פראצעס נאך נישט פערענ־ דיגט, מיר וועלען אויסער רליך מיט־ טיילען אין נעכסטען נומער.

# קעלצער אבטיילונג.

## גלענצענדער עקזאמען פון יודישען שניידער-צעך אין קעלץ.

(ר) פאריגען מאנטאג האט דער קעלצער יודישער האנדווערקער-פעראיין ערהאלטען א אונערווארטעטע מעלדונג פון די האנדווערקער-קאמער, אז אלע שניידער מוזען זיך דעם זעלבען טאג 4 נ. מ. צושטעלען צום עקזאמען.

פונקטליך 4 נ. מ. האבען די שניידער אנגעהויבען צוקומען גרופענווייז אין לאקאל פון האנדווערקער-קאמער, באלד דערנאך האבען זיך אפיציעל אנגעהויבען די עקזאמענס. די עקזאם.-קאמיסיע איז בעשטאנען פון די ה"ה: פרעזידענט סמוגא, פערוואלטונגס-מיטגליד פון האנדווערקער-קאמער י. גוטמאן, ק. מאליק, קוראווסקי, סטארשי פון שניידער-צעך ה' ש. לייכטער און תעמ-טער. דער ערשטער קאנדידאט צום עקזאמען איז געווען דער קאמיסיע-מיטגליד ה' ש. לייכטער, וועלכער האט גלייך בעקומען א אויסצייכנונגס-דיפלאם.

דאן זענען עקזאמינירט געווארען די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון שניידער-צעך און שפעטער כמעט אלע שניידער. צוזאמען זענען עקזאמינירט געווארען העכער 60 מיטגלידער פון יודישען שניידער-צעך. אלע האבען גלענצענד בעלייגט דעם עקזאמען און בעקומען דיפלאמען.

די קאמיסיע האט פערענדיגט איהר ארבייט ארום 2 ביינאכט. נאכהער איז פארגעקומען א הערליכער באנקעט, אין וועלכען ס'האבען אנטייל גענומען דער פרעזידענט סמוגא, די וואיעוואדזטווע פארשטעהער ה"ה אקצענטאוויטש און וואיטאוויטש און אויך אלע עקזאמינירטע מיטגלידער.

אין די רעדעס, וועלכע די פארשטעהער פון דער מאכט האבען געהאלטען אויפ'ן באנקעט, איז שטארק געלויבט געווארען די נוצליכע ארבייט פון פרעזעס פון יודישען האנדווערקער-פעראיין אין קיעלץ ה' יודל גוטמאן. עס האבען אויך געענטפערט מיט רעדעס די ח"ה סטארשי, ש. לייכטער און פרעזעס גוטמאן.

* * *

פאריגע וואך איז אויך פארגעקומען דער עקזאמען פון מאלארזעס - צעך. אין דער עקזאמען-קאמיסיע זענען געווען פערטרעטען מצד די יודישע מאכ-מענער די ח"ה: גאלדשיידער (פאטער) און י. גוטמאן. עקזאמינירט זענען געווארען 8 מיטגלידער, וועלכע האבען אלע בעקומען דיפלאמען.

איינזיכען קומען אויך פאר די עקזא-מענס פון אלע איבריגע צעכען ביים ביים יודישען האנדווערקער-פעראיין אין קיעלץ.

## א „ארימער" בעטלער פאלט אין חלשות אין גערער שטיבעל.

### ביים אבמונטערען איהם שרייט ער: „וואו האב איך די 2 טויזענד זלאטעס"...

אין קעלצער גערער שטיבל, אויף נייע-ווארשאווער 4. פלעגט פון צייט צו צייט אריינקומען א ארימער יוד, וועלכער האט זיך מפרנס געווען פון בעטלעריי ביי די מתפללים פון שטיבל. דער יוד האט אויסגעזעהען צו זיין א ארענטליכער און דעריבער איז ער אפט געווען א אורח ביי איינעם פון די רייכערע חסידים.

דעם לעצטען שבת איז מיט דעם בעטלער געשעהן א סענסאציאנעלע גע-שיכטע. פלוצלינג איז ער בשעת דעם דאווענען געפאלען אין חלשות. עס איז געווארען א שטיקעל מהומה און מען האט דעם יוד אנגעהויבען מינטערען עס האט אבער לאנג געדויערט און דער יוד האט נישט געקענט קומען צו זיך. באין ברירה האט מען דעם חלוש אבגעפיהרט אין שפיטאל אריין. אויפ'ן וועג האט ער צוריק בעקומען דאס בעוואוסטזיין און ארומקוקענדיג ווי ער איז האט דער בעטלער געמאכט א גע-וואלד „וואו האב איך די 2 טוי-זענט זלאטיס". לכתחילה איז קיינעם נישט איינגעפאלען וואס דאס בעדייט אבער ווען מען האט אין שפיטאל רע-ווידירט די טאשען פון בעטלער האט מען געפונען גאנצע 2 טויזענט זלאטיס געלד און אנדערע קאסטבארע זאכען.

## דער קהלה-בודזשעט אויפ'ן יאהר 193.

ווי מיר דערוויסען זיך האט די קה-לה פערוואלטונג היינטיגע וואך געענ-דיגט דאס צוזאמענשטעלען דעם בו-דזשעט-פרעלימינאר אויפ'ן יאהר 1931 און די נאהענטסטע טעג וועט דער בו-דזשעט שוין בעטראכט ווערען דורכ'ן פלענום פון קהלה-ראט.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אז היי- יאהר האט די ספעציעלע עטאט-קאמיסיע ביי דער קהלה, ביים בע-טראכטען דעם עטאט-שטייער גענומען אין אכט דעם איצטיגען שווערען ווירטשאפטליכען קריזיס און האט פיעל פערקלענערט יעדען עטאט - צאהלער דעם שטייער.

## די ענטוויקלונג פון די הויזווירטען - באנק אין קעלץ

זייט איניגע מאנאטען איז די ליי-טונג פון בעוואוסטע קיעלצער הויזווירטען-באנק איבערגעגעבען געווארען דעם לאנג יעהריגען סוחר און פאכמאן אין באנק וועזען, ה' ח. י. אייזענבערג, וועלכער פיהרט אן די טעטיגקייט צו-זאמען מיט'ן ראט און פערוואלטונג פון דער באנק. בוראש פון ראט שטעהט ה' רוטמאן.

במשך פון דער צייט, וואס די הויז-ווירטען-באנק עגזיסטירט, האט זי בע-קומען דעם פולען צוטרוי און אנער-קענונג פון דער גאנצער קעלצער בע-פעלקערונג. מיט יעדען טאג ווערט די טעטיגקייט פון דער באנק פערגרעסערט. די צאהל פון די מיטגלידער וואקסען, אויך בעקומט די באנק פיעל נייע וקלאדען. דאס און אויך די אויסער-ליכע קרעדיטען וואס די באנק האט לעצטענס בעקומען גיט די מעגליכקייט צו פערגרעסערען די הלואות און צו פערקלענערען דעם ביז איצטיגען צונזען-פוס.

## פון די יודישע מענער-גימנאזיע אין קעלץ

שבת צו נאכטס דעם 17|1 קומט פאר אין לאקאל פון די יודישע קהלה די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די יודישע גימנאזיע אין קיעלץ.

ס'איז געווינשען, אז אלע עלטערען און סימפאטיקער זאלען אנוועזענד זיין אויף די פערזאמלונג כדי צו געבען די מעגליכקייט אויסצוווייילען א פערוואל-טונג, וואס זאל די ארבייט אין גימנא-זיע פארטזעצען.


דורה רפופורט    מרדכי הלל פישמן

**מאורשים**

קילצה, בטבת תרצ"א.

בגדא ומזלא טבא אנו מברכים את ידידנו וחברנו הנכבד
מרדכי הלל פישמן
לרגלי אירושיו את בחירת לבו מרת דורה רפופורט
תזכו לבנות את עתידכם ברוב עושר ואושר.
קיעלץ.    טאשא והלל מארימונט

בברכת מזל-טוב הנני מברך את חברי קלמן אופטובסקי
לרגלי ארושיו את העלמה שרה הרץ
קילצה    אליעזר לערער

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד
קלמן אפטאווסקי צו זיין פערלאבונג
מיט פרייל שרה הערץ
קיעלץ.    מנחם קראקאווסקי, זעליג לערער

# בעקאנטמאכונג

שבת-צו-נאכט'ס דעם 17|1 אום 5 א זייגער אווענד אנשטאט אויף 7 א זייגער אווענד דעם צווייטן און ענדגילטיגן טערמין וועלכער וועט פארקומען נישט קוקנדיג אויף די צאהל אנוועזענדע, וועט אין לאקאל פון די יודישע קהלה פארגעקומען

## די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די עלטערען און סימפאטיקער פון די יודישע מענער-גימנאזיע

אין קיעלץ מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג און וואהלען פון א פארזיצענדען 2) בעריכט פון די פערוואלטונג פאר'ן שול-יאהר 1929|30, 3) בעריכט פון די רעוויזיאנס-קאמיסיע, 4) ביודזעט אויפ'ן שול-יאהר 1930|31, 5) וואהלען פון א פערוואלטונג און א רעוויזיאנס-קאמיסיע, 6) פערשידענעס.

אלע עלטערען און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

ה א מ י ט ע ט.

---

## קאאפעראטיווע הויזווירטען - באנק אין קעלץ

(קילינסקא 22)

ערלעדיגט רעיעל און פינקטליך אלע ארט באנק-אפעראציעס

ווי: דיסקאנטא, אינקאסע, איבערגעבן א. ד. גל.

נעמט אן ווקלאדען טערמיניגע און אהנטערמיניגע.

די באנק איז אויך בעפולמעכטיגט פון מאגיסטראט איינצוקאסירען דעם אבצאהל פאר וואסער-לייטונג פון דער שטאדטישער קאנאליזאציע.

---

## ביים סוחרים-פעראיין

איז געגרינדעט געווארן א יורידישער רעסארט, וועלכער ערלעדיגט אלערליי שטייערען און האנדעלס-ענינים. אלע שטייער-צאהלער, וואס רעקורסירען קיין קעלץ, און דארפען פערזענליך פאהרען קיין קעלץ ביים בעטראכטען דארט זייערע רעקורסען זאלען זיך מיט'ן סוחרים-פעראיין פריהער בעראטען.

---







---

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

Dziś i dn. następnych

## WESOŁY MADRYT

w roli głównej: RAMON NOVARRO.

Nad program: doskonale dodatki dźwiękowe.

---

בברכת מז"ט חמה ולבבית אנו מברכים את אחינו וגיסנו

**קלמן קופערמאן** לאירושיו את העלמה מרת **יהודית שיפער**

תהי דרכם צלחה בחיים וסוגת בשושנים.

**צבי בארוכמאן** ורעיתו.

זוואלין.

---

Z intencji zaręczyn

p. **Rózi Katc** z p. **Izakiem Ajzernerem**

najserdeczniejsze życzenia składa

**Edzia Frydmanówna.**

---

Z inteneji zaręczyn

p. **Rózi Kate** z p. **Izaakiem Ajzernerem**

życzymy wiele szczęścia

**I. POTAŹNIK z żoną.**

---

Przyjaciółce mojej **Rózi Katc**

z inteneji jej zaręczyn z p. **Izaakiem Ajzernerem**

życzy wiecznego sadowolenie i harmonji dusz

**Rózia Potaźnik.**

---

צו דער חאכצייט פון אונזער ברודער'ן - טאכטער

**דארע רובין** מיט ה' **אפרים פשעדנאזעק**

ווינשען פיל גליק און צופרידענהייט.

**מיכאל ווינדער** עם **פרוי**

---

# OGŁOSZENIE.

Tymczasowy Zarząd m. Radomia zgodnie z zarządzeniem Starostwa Powiatowego w Radomiu. (L 5762|30|2|D po myśli Dz. Ust. R. P. Nr. 55|29 poz. par. 10) podaję do wiadomości, że z dniem 12 stycznia 1931 r. zostaje uruchomiony przez Polski Związek Turystyczny, Główny Dworzec Autobusowy w Radomiu przy ul. J. Malczewskiego Nr. 20 (rogatka warszawska).

W związku z powyższem zostają zniesione wszystkie dotychczasowe miejsca postoju dla autobusów, wyznaczone przez Starostwo Powiatowe w Radomiu w porozumieniu z Magistratem w roku 1929 r.

Począwszy od dnia 14 stycznia 1931 r. wyjazdy **wszystkich** autobusów międzymiastowych odbywać się będą 1) z Głównego Dworca Autobusowego przy ul. J. Malczewskiego i 2) z placu pomocniczego, ul. Słowackiego przy wieży ciśnień.

Wzywa się P T przedsiębiorców autobusowych, chcących korzystać z organizacji Polskiego Związku Turystycznego i urządzeń z Dworca Głównego względnie pomocniczego, do wejścia w porozumienie z Kierownikiem Odziału tego Związku w Radomiu do dnia 13 stycznia 1931 r. włącznie, w godzinach od 9-ej do 13-ej i od 16-ej do 19-ej urzędującym na Głównym Dworcu Autobusowym przy ul. Malczewskiego

P T publiczność zawiadamia się, że Główny Dworzec Autobusowy jest czynny całą dobę i posiada odpowiednie urządzenia jak kasy biletowe, poczekalnie, restaurację i bagażownię.

Informacji udziela personel Dworca całą dobę ust. i telefonicznie

Radom, dnia 9 stycznia 1931 r.

**Kierownik Tymczasowego Zarządu miasta**

**(—) W. PIETRUSIEWICZ**

---

*Kino dźwiękowe CORSO*

Dziś i dni następnych

*Na żądanie publiczności*

wyświetlony będzie ostatnie dni

NA

## SYBIR

---

*Kino dźwiękowe ODEON*

Od 10 Stycznia r. b.

Wspaniały film dźwiękowy p. t.

## SPIEW KOZAKÓW DOŃSKICH

---

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

Dziś i dni następnych!

## Biała Niewolnica

w roli głównej:

Włodzimierz Gajdarow i Liena Haid

2. **Edie Pollo**

---

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 28.